STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11814

UMRUIKE OYSYES

Alexander Spiegelblatt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלכסנדר שפיגלבלאט

אומרויקע אותיות

פאַרלאַג "המנורה" תל־אביב
תשכ"ט — 1969

Alexander Spiegelblatt
UMRUIKE OISIES

אלכסנדר שפיגלבלאט / אומרויקע אותיות

הילע געצייכנט: ד. גרעבוי

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenorah" Publishing House, Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשכ"ט
Printed in Israel 1969

דפוס לינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, תל־אביב

פון וואָרט צו שפּראַך

איך האָב אויסגעטרייסלט ווערטער
פֿון אַ גראָבן ווערטערבוך,
ווי מען טרייסלט אויס אַן איַינשיט
אַ רויטן פֿון פּוך.

הפֿקר. ניט קיין סדר, ניט קיין אלף־בית;
ווי אַ מאַרק פֿון אַלטע זאַכן.
יונגע ווערטער, אַלטע און אַרכאַישע,
צי געליגענע פֿון פֿרעמדע שפּראַכן —
אַלע אויסגעמישט אין איינעם
אין אַ ווילדן קאַראַהאָד:
וואָלף און ציג, בליַי און פֿלייש,
ליד, ראַקעטע, קינד און גאָט.

קומט אַ שד
(פֿון תּהומען צי פֿון הייכן)
און ער וואַרפֿט אַריַין אין קאָן
סתם אַזוי, אַ פֿראַגע־צייכן.

ווערט אַ טומל: קרומע ווערטער,
גליַיכווערטער און ווערטלעך,
גראָבע ווערטער, וואָכנדיקע,
לאַשטשענדיקע צערטלעך —
אַלע קומען, זשומען, ווי די פֿליגן אויף אַ פּגר —
און די ווערטער טענהן ווידער
אויפֿן אַלטן שטייגער.

איינזאַמע אותיות

איינזאַמע אותיות
אויף ווײַסע שטחים,
ווי קעמלען אין מידבר;
אותיות באַלאָדענע
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען
און ריח פֿון חרובע שטעט,
זוכן דעם אלף־בית
וואָס גאָט האָט פֿאַרזייט
בײַ קילע וואַסערן —
וווּ הירשן קומען
זיך שטילן דעם דאָרשט.

אַ שאַגאַלישער רעגנבויגן
הענגט אויפֿן הימל
און טריפֿט מיט אומרויִקע פֿאַרבן.

די וויזערס

די וויזערס האָבן אָנגעזאַמלט
ציין,
ווי האָניק אין אַ בינשטאָק.
זי ליגט פֿאַר מיר
ווי אַן אָפֿענער סידור:
יעדער אות — אַ קעמערל
יעדער קעמערל — אַן אות.

דער װאָלקן

דער װאָלקן לײַענט
אין קאָרע פֿון עפּלבוים
װי אַ ציגײַנערין
אין דלאָניע.
ער לײַענט אַרױס
דעם בליץ און די פֿלאַם
און פֿילט דעם טעם
פֿון רחמים.

ווערטער באַהעפטן זיך שווער

ווערטער באַהעפטן זיך שווער,
טליִענדיק נאָך אויפן דנאָ.
ס׳וויגט זיך אַהין און אַהער
אַן אויסגעשלאָגענע שעה.

אַ קלאַנג וואָס איז שוין ניטאָ,
וואָס איז שוין פֿאַרגליווערט אין רוים,
אין לעצטן ציטער פֿון בלאָ,
אין לעצטן אָטעם פֿון טרוים.

די ווערטער דערוועגן זיך קוים,
זיי קומען צו צוויי און צו דרײַ,
קושן דעם זאַמד און דעם בוים
און ווערן אַ שפּראַך פֿון דאָס נײַ.

אויפֿן וועג פֿון וואָרט צום ליד

אויפֿן וועג פֿון וואָרט צום ליד
ווערט אַ וועלט פֿאַרברענט.
גיב די דאָזיקע וועלט,
גאָט, אין מײַנע הענט.

אויפֿן וועג פֿון וואָרט צום ליד
ווערט אַזוי פֿיל געשוויגן.
לאָז דאָס דאָזיקע שווײַגן
צווישן מײַנע פֿינגער ליגן.

אויפֿן וועג פֿון וואָרט צום ליד
ליגט אַזוי פֿיל שרעק.
נעם אים מיט דײַן הייליקער האַנט,
שטילערהייט אַוועק.

גרענעץ

פֿאַראַן אַ גרענעץ,
ווו געדאַנק און וואָרט
צעטיילן זיך —
ווי שעהען טיילן זיך אָפּ
פֿון ציפּערבלעטער
און קערן זיך צוריק
צו זייער בורא —
ווי ס׳רײַסט זיך אָפּ
אַ פֿלאַטער פֿון דער האַנט
און בלײַבט,
אין איינעם מיטן לעצטן פֿײַף
און מיט דער נאַכט,
אויפֿן וואָקזאַל.

באַשעפער

באַשעפער,
באַפרײַ דאָס וואָרט,
וואָס ליגט אין פאַרזונקענע שיפן,
פאַרקלעמט,
אויפן דנאָ פונעם ים!

פאַר אַ גאָט
קאָן דאָס זײַן אַ כּלי־זין —
אויב ניט צו „בראשית־ברא",
איז אפשר צו „אחרית־הימים".

בגמטריה

בעלי־חיים,
פֿייגל —
צייכענען
מיט זייער גאַנצן לײַב,
מיטאָלאָגיע
אויף דער ליידיקייט.

בעלי־חיים,
פֿייגל —
באַוועגן זיך
ווי באַד־אַקאָרדן
אין קרישטאָלענער האַרמאָניע
פֿון באַשאַף.

אָט אַזוי
באַוועגן זיך מלאכים,
ווען זיי זאָגן שירה.

בעלי־חיים,
פֿייגל —
שרײַבן אותיות
אויף דער ליידיקייט;
קומט אַ בטלן,
צי אַן אייניקל פֿון אַ מקובל —
רײַסט זיי אָפּ ווי קאַלטע שטערן,
גריבלט,
זוכט אין זיי אַ תּיקון —
בגמטריה.

צום וואָרט

וואָרט —
פֿון שפּראַך אַרויסגעשניטן
מיט אַ גליִענדיקן אָטעם,
צי,
ווי אַ מאַגנעט
צו דיר
לעצטע קלאַנגען
פֿונעם שלאַכטפֿעלד
און זײַ עולה,
תּפֿילהדיק,
שמע־ישׂראלדיק:

די הימלען זענען אָפֿן!

אומרו

אַ שאָד

כ׳האָב ערגעץ געהאַלטן
פֿאַרבאָרגן פֿאַר דיר
אַ לויטערע, הייליקע רגע,
כּדי כ׳זאָל ניט קומען
מיט ליידיקע הענט,
ווען מיר וועלן זיך ענדלעך
באַגעגענען.

און מיר האָבן באַגעגנט זיך
פּלוצעם אַזוי
אין טומל פֿון שטאָטישע גאַסן:
דו ביסט געווען
אַ ווילד־פֿרעמדע פֿרוי,
אַ שיינע, אַ שלאַנקע,
אַ בלאַסע.

און איך בין געשטאַנען
פֿאַרחידושט, פֿאַרגאַפֿט,
אין האַנט מיט דער הייליקער רגע.
דער אָונט געווען איז
פֿרעמד, פּונקט ווי דו.
אַ שאָד
וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט.

שמשון

שמשון שלעפֿט דורך ווײַנגערטנער פֿולע,
אַ מידער אַהיים זײַנע פֿיס.
ער פֿילט אין זײַן בלוט דעם ריח פֿון טרויבן
כוואַליען זיך שיכּורלעך זיס.

דלילה, די שיינע פּלשתּים־טאָכטער
האָט אים אַרויסבאַגלייט.
די שטערן זענען פֿאַרלאָשן געוואָרן
אין איר זײַדענעם קלייד.

און שמשון פֿילט די איינזאַמקייט וואַקסן
אין איינעם מיטן קאַיאָר —
און ווייס אַז דלילה וועט הײַנטיקן אָוונט
פֿאַרקויפֿן דעם פֿײַנט זײַנע האָר.

דאַנק

איך דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר יעדער רגע שיינקייט,
וואָס דו וואַרפֿסט אַראָפּ פֿאַר מיר, דײַן קנעכט.
ס'זאָל דערפֿאַר דיר ניט גערעכנט ווערן,
ווען דו שטראָפֿסט מיך אומגערעכט.

איך שענק אַוועק דיר אַלע מעשים־טובים
פֿאָרויס פֿאַר מײַנע הונדערט צוואַנציק יאָר,
נאָר איין מאָל זאָלן מײַנע הענט צעפֿלעכטן
דעם פֿרילינג זײַנע ווילדע, לאַנגע האָר.

נאָר איין מאָל זאָלסטו קומען שטיל מיך וועקן,
ווען דו טריפֿסט אַרײַן אין עפּלבוים דעם צוויט,
אפֿשר וועל איך אין דער פֿרי דערקענען
אויך מײַן טרוים אין עפּלבוים צעבליט...

ביַי דער שוועל פֿון חלום

דו ביסט גרינג אַרויסגעוואַקסן
פֿון דער וויַיטער בלויער פֿרעמד,
איך האָב ניט געוווּסט אַפֿילו,
ווען מיַין בלוט האָט דיך דערקענט.

פּלוצעם כ׳האָב דערפֿילט דיַין אָטעם,
ווי אַ ציטער אין מיַין קול,
און ס׳איז עפּעס מאָדנע ליכטיק
מיר געוואָרן מיט אַ מאָל.

האָסט געלאָזט די פֿרעמד צערינען
ביסט געוואָרן ברויט און ליד:
מיר האָבן ביַי דער שוועל פֿון חלום
פֿאַר דעם זעלבן גאָט געקניט...

קומען יונגע מיידלעך

קומען יונגע מיידלעך
טשאַטעוועיִז פֿון וואַלד,
האָט די שטאָט פֿאַרגעסן,
אַז זי איז שוין אַלט.

האָט דער ווינט פֿאַרגעסן,
אַז ער איז שוין גרוי,
קומען יונגע מיידלעך,
פֿרישע ווי דער טוי.

שאָרך פֿון ווײַסע קליידער,
ציטער פֿון געזאַנג,
גייען יונגע מיידלעך,
ליד איז זייער גאַנג.

ניט זיי גיי׳ן, זיי שוועבן,
בליצן, פֿינקלען נאָר,
גרינע ניס און מאַנדלען
שמעקן פֿון די האָר.

וואָלקן פֿון לאַוואַנדל
שיקן זיי פֿאָרויס,
עפֿענען זיך שויבן
פֿון אַיעדן הויז.

קײַקלט זייער לאַכן
זיך פֿאַר מײַנע פֿיס,
וואַקסט אין זיי די בענקשאַפֿט,
אומעטיק און זיס.

שוויַיגן יונגע מיידלעך
קעגן בלויער נאַכט...
אָדער שוויַיגט נאָר איינע —
דער רעשט איז אויסגעטראַכט...

יעדן אָוונט

יעדן אָוונט קומט די בענקשאַפֿט
שטיל אַראָפּ אויף בלויע טרעפּ
און צעעפֿנט איבער פֿעלדער
אירע שוואַרץ־געדיכטע צעפּ.

דעמאָלט ביסטו, גאָט, מיר נאָענט
און איך נעם דיך ביַי דער האַנט
און מיר בלאָנדזשען דורך דער פֿינצטער,
ווי פֿאַרליבטע, זאַלבענאַנד.

ביז עס קומט דער מאָרגנשטערן
און דערמאַנט דיך אַז ס׳איז שפּעט,
אַז דו האָסט געַנוג געפּלוידערט
מיט אַ נאַרישן פּאָעט.

פֿאָטאָגראַפֿיעס

פֿאָטאָגראַפֿיעס זענען פֿענצטער
צו פֿאַרגליווערטע ווײַטן,
צו די סאַמע שענסטע
פֿאַרגאַנגענהייטן.

אינטימע ווינקלען
אין פֿרעמדע לאַנדשאַפֿטן,
אויסגעלאָשענע,
טונקלע
באַקאַנטשאַפֿטן.

בײַם ים

לענג־אויס דעם ברעג פֿונעם שוואַרצן ים
גייען מיר צוויי: איך און אָוויד.
ער איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון רוים,
איך — פֿון מײַן אייגענעם וויסטן געמיט.

דער ים ווייעט אונדז ביידע אין פּנים
מיט פֿרעמד, מיט ווײַטקייט און חידוש.
און ס׳רעדט דער רוימישער דיכטער צו מיר
פּשוט, אויף פּוילישן יידיש:

„דער טרויער שפּילט אויף אַ גילדענער האַרף
פֿאַר אַלע פֿאַרוואָגלטע לײַט;
דאָס גליק איז אָדער אַ סך צו נאָענט,
אָדער אַ סך צו ווײַט.

און ווילן די געטער איינעם שטראָפֿן,
לאָזן זיי אים אַליין
דאָרט ווו סע קרײַצן זיך די וועגן —
ווּהין ער וויל זאָל ער גיין״.

דער שוואַרצער ים איז אַ כשרער עדות
פֿון אָט דעם פֿאַרביטערטן ליד.
מײַן בענקשאַפֿט עפֿנט אין ווינט אירע זעגלען,
מיך אָבער נעמט זי ניט מיט.

דער פישער

ס׳האָט וווײַזט אויס, דער ים קיין רגע
ניט פֿאַרמאַכט אַן אויג די נאַכט,
נאָר אין איינעם מיטן פֿישער,
לעבן ברעג געהאָרכט, געוואַכט.

דער קאַיאָר זאָל זיך אַנטפּלעקן,
ס׳זאָל געבוירן ווערן ליכט,
ס׳זאָל די פֿינצטערניש צערינען
בײַ דעם פֿישער פֿון געזיכט.

קומען כוואַליעס ווי שטאַפּעטן
מיט די קאָלנערלעך פֿון שוים
און זיי פֿליסטערן: „דער טאָג האָט
אײַנגעריסן צוים נאָך צוים״.

און אַ פֿלעמל ווי אַ רענדל,
ווי אַ קלעפּיקל, אַ טראָלד,
שנײַדט דעם ים אַדורך אין מיטן
מיט אַ פּאַסיקל פֿון גאָלד.

און פֿון רענדל ווערט אַ רעדל
און פֿון רעדל ווערט אַ ראָד,
פֿון די אומסופֿיקע ווײַטן
האָט זיך אָפּגעטאָן דער סוד.

וַיהי ערב, וַיהי בקר,
דאַנקען גאָט, שוין אַלץ פֿאַרבײַ.
אויפֿן הימל, פּונקט ווי נעכטן,
הענגט די זעלבע זון פֿון ס׳נײַ.

שטאָפּט דער פּישער פּויל, פּאַוואָליע,
אָן זײַן ליולקע מיט טיטון
און פֿאַרטראַכט זיך אויפֿן ווונדער
פֿונעם ים און פֿון דער זון.

האַרבסט

טשערעדעס קומען אַראָפּ פֿון די בערג
און טראָגן דעם האַרבסט אין די גלאָקן,
זיי ציִען דורך שטאָטישער ענגשאַפּט פֿאַרבײַ,
זיי אײַלן דורן גאַסן דערשראָקן.

און וואַלגערט אַ רעשט פֿונעם זומער זיך נאָך
אויף אַלטע צעשויבערטע ביימער —
נעמען אים פֿאַסטעכער מיט אויפֿן וועג,
צו זייערע דאָרפֿישע היימען.

בלאָנדזשען נאָך קלאַנגען שפּעט אין דער נאַכט,
פֿון האַרבסטיקע ווינטן געטריבן,
די טשערעדעס זענען פֿון לאַנג שוין פֿאַרבײַ,
די בענקשאַפֿט איז איבערגעבליבן.

אײדלװײַס

גרויע פֿעלדזן רוען
מיט די שפּיצן אין די הימלען
און זיי וואַכן אַז די וועלדער
זאָלן רויִק קאָנען דרימלען.

אַז ס'דרימלען אײַן די וועלדער
און זיי חלומען געוויטער,
פֿאַלן אַראָפּ אויף גרויע פֿעלדזן
זילבער־מאַטע שטערן־שפּליטער.

און די זילבער־שטערן־שפּליטער
וואַרטן דער פֿאַרטאָג זאָל קומען,
זיי זאָלן זיך פֿאַר אים באַווײַזן
אין געשטאַלט פֿון ווײַסע בלומען.

אײדל־ווײַסע־מאַטע בלומען,
פּונקט ווי אויסגעטראַכטע בתולות:
דאָס, בײַ הימל און בײַ פֿעלדזן,
אַזאַ כּישוף־שפּיל איז.

אומעט

אומעטיק־וויַסע בעריאָזקעס
שטייען בײַם ראַנד פֿון די וועגן.
סע קומט אויף אַ וואָלקן, אַ גרויען,
פֿון וויַטן, דער האַרבסט זיי אַנטקעגן.

זיי בענקען, ווי שוועה־קראַנקע מיידלעך,
ערגעץ בײַ וואַרעמע ברעגעס,
און אָטעמען פֿאַרביקע וויַטקייט
פֿון איבערגעבליבענע רגעס.

איז דיר אומעטיק

איז דיר אומעטיק, מײַן גאָט,
אין דײַן בלויען גאָרטן,
קאָן איך קומען דיך פֿאַרווײַלן
מיט אַ פּעשל קאָרטן.

מיר באַדינגען זיך פֿאָרויס,
ווי די גוטע ברידער:
דו, אויף דער לבנה שפּיל,
איך — אויף מײַנע לידער.

סײַ־ווי ווערן זיי אָט דאָ,
אויף דער ערד, פֿאַרשימלט,
נעם, צעבלי זיי בעסער דאָרט,
אויף אַ ראַנד פֿון הימל.

מאַכט זיך אָבער דו פֿאַרשפּילסט,
ביסטו אין סכּנה:
קום איך מיט אַ ווערבעקויש,
נעמען די לבנה.

און מיט מאַטע זילבערהענט
כ׳טו אין שויב אַ ציטער,
ווו די ליבע וואַרט אויף מיר
צווישן שטערן־שפּליטער.

האָב קיין מורא ניט, מײַן גאָט,
כ׳קאָן ניט שפּילן אין קאָרטן;
כ׳האָב געוואָלט אַ קוק טאָן בלויז
אין דײַן בלויען גאָרטן.

אַלע מײַנע שעהען

אַלע מײַנע שעהען זענען רײַפֿע,
אַלע שטײַגן גרינג צו מיר אַרויף:
איידער איין געזאַנג איז נאָך פֿאַרענדיקט,
גייט אין מיר אַן אַנדערער שוין אויף.

און ער ציט זיך גרינג צו מײַנע פֿינגער,
ווי דאָס ליכט פֿון גוססדיקע נעכט,
יעדער ניגון איז מיר אונטערטעניק
און קוקט מיר אין די אויגן ווי אַ קנעכט.

נאַקעטע באַפֿאַלן מיך די שעהען
און איך טו זיי אָן אין בלוי געוואַנט
און איך פֿיר זיי דורך דעם וואַלד פֿון קלאַנגען,
ווי מען פֿירט די קינדער בײַ דער האַנט.

גאָט אַפֿילו איז מיך הײַנט מקנא
און גייט מיט מיר אין איינעם טריט בײַ טריט.
שטײַגן מײַנע שעהען גלײַך צום הימל
און זיי נעמען ביסלעכווײַז מיך מיט.

אומרו

איך גיי מיט מײַן אומרו אַרום אויף די גאַסן
און וואַרט ס׳זאָל מיך עמעצער אָפּשטעלן און פֿרעגן,
צי בין איך פֿון דאַנען, צי בין איך אַ פֿרעמדער —
פֿאַרבלאָנדזשעט אין נעץ פֿון די שטאָטישע וועגן.

די פֿויערטעס בין איך מקנא, וואָס ברענגען
די מילעך פֿאַר טאָג, אין בלעכענע קאַנען,
זיי שפּאַנען מיט זיכערע טריט איבער שוועלן,
ווי גלײַך ס׳איז קיין פֿרעמד אויף דער וועלט ניט פֿאַראַנען.

זיי שמעקן נאָך ערד, נאָך רו און נאָך שטאַלן
און רעדן פֿון זייערע נויטן געלאַסן
און וויסן באַשיידלעך, זיי וועלן ניט בלײַבן
אַליין מיט דער נאַכט, בײַם ראַנד פֿון די גאַסן.

היים

מענטשן מײַסטערן קינסטלעריש אויס
הײַזער פֿון ציגל און ליים;
און שטעלן דאָרט בעטן און טישן אַרײַן
און רופֿן דאָס פּשוט אָן — ה י י ם.

זיי ברענגען פֿון דרויסן די מידקייט אַהין,
דעם הונגער, די היץ און די קעלט
און מיינען, אַז אויב זיי פֿאַרשליסן די טיר —
זענען זיי אַליין אויף דער וועלט.

יעדער פֿאַרבעט זיך אַ גאָט אין זײַן היים
און בוקט זיך פֿאַר אים אין אַ נויט
און מאַמעס האָדעווען קינדערלעך אויס
און אַלטע דערוואַרטן דעם טויט.

אַזוי ווערט די היים אַ היכל פֿאַר זיך
מיט הייליקע קלאַנגען פֿאַרוועבט —
פֿון תּפֿילה און צער, פֿון צאָרן און פֿרייד,
פֿון אַלץ וואָס האָט לעבן דערלעבט.

טרעפֿט זיך אָבער, עס בלײַבט בײַ דער שוועל
די ליבע אָן עלנטע שטיין
און ס׳קומען, ווי שאָטנס, צום טיש און אין בעט
דער גוף מיט דער מידקייט אַליין —

ווערן די שויבן פֿאַרוואָלקנט און טריב
ווי אויגן וואָס לעשן זיך אויס
און טירן ברענגען דעם אומעט אַרײַן
און פֿירן די בענקשאַפֿט אַרויס.

שניט

ערגעץ וויגן ווײַטע פֿעלדער
זייער ווייצנוואַלד אין ווינט
און די ווײַסע וואַנדער־וואָלקנס
יאָגן איבער זיי געשווינד.

פֿאַלט אַראָפּ די נאַכט פּאַוואָליע
און די פֿעלדער דרימלען אײַן,
ווער סע קאָן אַצינד ניט שלאָפֿן —
וועט שוין אייביק ניכטער זײַן.

באַלד דערוועקן זיך די שניטער;
נאָר די זאַנגען טוט ניט באַנג.
ניט קיין ווײ און ניט קיין ציטער,
ווען די רײַפֿקייט איז אין גאַנג.

זאַנגען פֿאַלן שטום און ערנסט,
ווי אַ תּפֿילה צו דער ערד,
פֿאַר דעם איינמאָליקן פֿרילינג,
וואָס איז זיי געווען באַשערט.

ווײַט ווי אַ שטערן פֿון צווייטן

איינזאַם זײַן הייסט ניט אַליין זײַן,
ווײַט, ווי אַ שטערן פֿון צווייטן;
איינזאַם זײַן הייסט ניט פֿאַרלאָזט זײַן,
אויף שפּיץ פֿון אַ באַרג אַ פֿאַרשנייטן.

דער איינזאַמער גייט דורך געפּילדער,
ער גייט ווו דער שטראָם איז געדיכטער
און ס'ווייעט אין זײַן גאַנג אים אַנטקעגן
אַ קעלט פֿון די פֿרעמדע געזיכטער.

דעם קלאַנג פֿון די שטימען פֿאַרנעמט ער
ווי קלאַפּן פֿון האָגל און רעגן,
ער קאָן אָבער די שפּראַך ניט צעברעקלען
אויף ווערטער וואָס זאָגן און פֿרעגן.

סע ווימלען די גאַסן פֿון מענטשן —
געפֿלאָכטן, צוזאַמענגעקנייטן,
אָבער ווײַ, צווישן זיי אַ מהלך —
ווײַט ווי אַ שטערן פֿון צווייטן.

די גאָלדענע פּאַווע

צו איציק מאַנגערס 60טן געבוירנטאָג

דײַנע זילבערנע שטערן
פֿון איבערן שענקערס דאַך
געהערן שוין די הימלען,
דער ווײַטקייט און דעם שליאַך.

דער דאַך איז חרוב געוואָרן
און דער שענקער, ניט דאָ געדאַכט,
האָט זיך אויפֿגעהאַנגען
אין אַ סעפּטעמבער־נאַכט.

די זילבערנע שטערן דײַנע
הייליקן די פֿרעמד
און ס׳קאָן זיי יעדער בעטלער
אָנטאָן שטאָט אַ העמד

און מיינען, אַז ער האָט באַשאַפֿן
די וואָלקנס און דעם ווינט,
די נאַכט, וואָס טריפֿט פֿון ערגעץ
מיט טונקל־בלויער טינט.

און מיינען אַז מיט זײַנע פֿינגער
היילט ער און פֿאַרלעשט
דעם צער פֿון יעדן גרעזל,
ווי אַ מאָל דער הייליקער בעש״ט.

דו ביסט שוין מיד פֿון שטערן,
פֿון וואָלקנס און פֿון ווײַן,

פֿון גרויקייט און פֿון אומעט,
פֿון בלויקייט און פֿון פּײַן.

ווער זשע זאָל דיך טרייסטן,
ווער איז רײַכער פֿון דיר?
טויזנט גאָלדענע האַרבסטן
פֿינקלען פֿאַר דײַן טיר.

ס'פּלאָטערן אין זיי די שאָטנס
פֿון בראָד און סטאָפּטשעט,
פֿון יאַס און קאָלאָמיי,
פֿון יידישע שטעטלעך און שטעט,

ווו ס'האָט געוואָגלט דײַן בענקשאַפֿט
און זיך געוואַלגערט אין שטויב
און זיך געשפּילט מיט לבנה,
ווי מיט אַ זילבערנער טויב.

נאָר די גאָלדענע פּאַווע
פֿליט איבער דיר און פֿליט
און גאַרט זאָלסט איר נאָך אַ מאָל שענקען
דײַן הייליקן ציטער פֿון ליד.

דאָס לעצטע הויז

מאָדנע צו פֿאַרמאָגן
אין שטאָט דאָס לעצטע הויז,
אַ פֿענצטער, וואָס זאָל פֿירן
גלײַך צו דער פֿרעמד אַרויס.

דײַן שוועל זאָל זײַן אַ גרענעץ
צווישן דאָ און דאָרט,
די באָענט און די ווײַטקייט
פֿאַראייניקט אויף איין אָרט.

קומט צו מאָל, אין אָונט,
אין שטוב אַרײַן דאָס פֿעלד
און אָטעמט־אָפּ פֿון רײַפֿן,
פֿון היצן און פֿון קעלט.

און ס׳ברענגט דאָס פֿעלד אין אָוונט
די גאַנצע שטילקייט מיט,
וואָס לייגט זיך אויפֿן פּנים
בײַם פֿויער, נאָכן שניט.

ס׳איז גוט אַזוי צו וווינען
אין לעצטן הויז, בײַם ראַנד,
צו זען דעם ערשטן רעגן
וואָס פֿאַלט איבערן לאַנד,

צו וואַרטן לעבן פֿענצטער
— דעם ערשטן אין דער שטאָט —
אַן אורח פֿון דער טונקל,
אַראָפּגעשיקט פֿון גאָט.

אַן אורח וואָס זאָל טראָגן
אַ וואָלקן אויף זײַן ברעם
און מיינען, ס'איז דער תּשבּי
און אפֿשר דער בעל־שם.

ירושלים תשכ"ד

געלעכטער פון קליינע גלעקלעך

דער רויטער מלאך

איך בין ניט געשטאַנען דערבײַ,
ווען דער רויטער מלאך איז פֿון הימל געפֿאַלן
און איז געוואָרן מאַלערײַ
אין דער פֿאַליטרע בײַ שאַגאַלן.

איך ווייס אָבער אַז לכתחילה
האָט אים באַשאַפֿן כּביכול
ווײַס — ווי אַנדערע מלאכים,
נאָר פֿאַלנדיק, איז ער געוואָרן רויט.
(קאָן זײַן צוליב דעם גראַם מיט „טויט״).

ווער ווייס דעם גרונד
פֿאַר וואָס אַ מלאך פֿאַלט?
מע זאָגט אַז בונט,
אַז הימלישע געוואַלט
און אפֿשר — סתּם קאַפּריז פֿון דעם פֿון אויבן,
ייִדן זאָלן גאַפֿן און אים לויבן...

בײַם אַרײַנגאַנג אין שטאָט

בײַם אַרײַנגאַנג אין שטאָט איז געשטאַנען אַ צלם
און אויפֿן צלם אַ וואַקסענער יויזל.
פֿלעגט איך תּמיד טראַכטן: רבונו־של־עולם,
ווי קאָן גאָר אַ גאָט אַזוי נאַקעט און בלויז זײַן?

דער לץ האָט אַ צונג, רעדט ער:
אַ שווערע צײַט פֿאַר בידנע געטער
אין ווינט און רעגן.

און ווי קאָנען גויים אַזוי זיך פֿירן
מיטן גאָט צו וועלכן זיי בוקן זיך אַלע
און אים לאָזן ציטערן און פֿרירן —
ווען אַפֿילו די בהמות ליגן אין די שטאַלן?

דער לץ האָט אַ צונג, רעדט ער:
ווער זאָל זיך אָננעמען פֿאַר בידנע געטער
אין ווינט און רעגן?

בײַ אַלע גרענעצן, צווישן פֿעלד און שטאָט
דוכט זיך מיר אויס אַז איך הער דאָס געוויין
פֿון יענעם פֿרעמדן, נאַקעטן גאָט,
וואָס גויים האָבן געלאָזט אין דרויסן אַליין.

דער לץ האָט אַ צונג, רעדט ער:
אַ ייִד זאָל קיין נאַרישע שאלות ניט פֿרעגן
און זיך ניט זאָרגן פֿאַר בידנע געטער
אין ווינט און רעגן...

געלעכטער פון קליינע גלעקלעך

אַ טיפּער שניי איז געפֿאַלן
פֿון מײַנע אייגענע הימלען —
ער ווייס אַז אַצינד איז דעצעמבער,
און רעגן און בליצן און דונער
זענען מיר פֿרעמד לחלוטין
אין אָט דעם חודש.

(ווער האָט ניט זײַן אייגענעם הימל?
דער גרעסטער אָרעמאַן אַפֿילו,
וואָס דער צעריסענער מאַנטל
איז זײַן איינציקע היים).

אַ טיפּער שניי איז געפֿאַלן
און די פויערשע שליטנס
זענען פֿול מיט געלעכטער
פֿון קליינע גלעקלעך.

דער באַשעפֿער שפּילט די ווינטערשפּיל
מיט אַלע דעקאָרן און העלדן:
זיבן הימלען מיט שטערן
האָט ער פֿאַרוואַנדלט אין שנייעלעך
און אַראָפּגעוואָרפֿן
פֿאַר די פויערשע שליטנס.
נאָר דער פֿראָסט האָט זיך פֿאַרטראַכט
און געמאָלן פּאַלמען־בלעטער
אויף די שויבן.

אויסגעדראָשענע ראָמאַנטיק,
אין פּערזן אָן אַ גראַם:
אַ בליץ האָט געשפּאַלטן דעם וואָלקן
איבער דעם גרויסן ים.

דער זייגער־מאַכער

געדאַרפֿט האָב איך טאַקע זײַן אַן אַפּאָסטאָל
פֿון פֿוטבאָל־געטער און היסטערישע זינגער —
ווען ניט דער הייליקער זייגער־מאַכער
וואָס האָט געהאַלטן די צײַט צווישע זײַנע פֿינגער.

ער האָט געשוויגן איבער דעם אומרו
פֿון רעדער, אַקסן און שטאָלענע ווײַזערס
און ווען ס׳איז אים נימאס געוואָרן דאָס שווײַגן,
האָט ער געזאָגט צו מיר: אליעזר,
דו וועסט זײַן מײַן געטרײַער אַפּאָסטאָל
און קלאַפּן אין די פּויקן און שאַלן פֿון טראָמפּייט
און אַלעמען צו וויסן טאָן די רייד:
„איך האָב די צײַט שוין נײַן מאָל געמאָסטן
און האָב געזען אַז זי איז דין, ווי אַ שטייגער
די דינסטע האָר פֿונעם טײַערסטן זייגער.
דער באַשעפֿער זאָל היטן,
מען זאָל זי ניט איבעררײַסן אין מיטן״.

און ווי ער האָט פֿאַרענדיקט אַזוי צו זאָגן,
זענען אים אויסגעוואַקסן פֿליגל און שפּאָרן
און כ׳האָב געזען ווי דער זייגער־מאַכער
איז גלײַך צום הימל נתעלה געוואָרן.

די ווײַזערס זענען געשטאַנען בײַ צוועלף
אויף די פֿאַרשלאָפֿענע ציפֿערבלעטער:
געוועזן איז שוין שפּעט צו ווערן אַן אַפּאָסטאָל
פֿון היסטערישע זינגער און פֿוטבאָל־געטער.

איינזאַמקייט

מעשׂה־בראשית
האָט דיך ניט אויסגעלייזט
פֿון איינזאַמקייט,
באַשעפֿער!

די וועלט איז אַנטלאָפֿן
פֿון דײַן וואַרשטאַט
מיט ווייכע,
נאָך ניט פֿאַרגליווערטע צייכן
פֿון דײַנע פֿינגער.
זי האָט ניט געוואַרט
אויף דײַן לעצטן „כּי טוב".

צו פֿרי נאָך געווען
דיך צו לאָזן אַליין
אויפֿן כּסא הכּבוד —
אין אייביקן שבת.

די איינזאַמקייט
האָט דיך געצוווּנגען
צו ווערן
אַ גאָט פֿון נקמה!

פאַר טאָג

פֿאַר טאָג —
פֿראַגע־צייכנס שלענגלען זיך אַראָפּ פֿון הימל,
ווי העגנלייַכטער פֿון סופֿיט, אין דער גרויסער שול,
כאָטש נעם אַ שוועבעלע, מיט אַ רויטן קעפּל,
טאָ עס אַ רײַב אויף דער בלויער ווײַטקייט
און צינד מיט אים אָן די וואַקסענע ליכט.

פֿאַר טאָג —
איך שטרעק מײַנע אָרעמס אַרויף צום הימל
און מאַך מיר אַ הוידעווקע פֿון צוויי פֿראַגע־צייכנס.
ווי גוט זיך צו הוידען פֿון איין וואָרט צום צווייטן,
פֿון קלאַנג צו קלאַנג, פֿון פֿאַרב צו פֿאַרב,
פֿונעם באַרג גריזים צו דעם באַרג עיבל.

פֿאַר טאָג —
און אפֿשר שלענגלען זיך גאָר אַראָפּ פֿון הימל
נאָר די פּעטליעס פֿון לאַנגסטיקע תּליות,
און די פּרוי מײַנע איז טאַקע גערעכט, ווען זי זאָגט מיר
איך זאָל ניט גיין מיטן קאָפּ אין די וואָלקנס,
ווײַל מען טאָר ניט געטרויען דעם שענסטן פֿאַרטאָג?

די קליידער

די קליידער וואָס מיר טוען זיך אויס
און הענגען זיי אַרײַן אין שראַנק
נעמען עפּעס מיט מיט זיך
פֿון אונדזער אָטעם און געזאַנג,

פֿון אונדזער וואָכנדיקן גאַנג,
פֿון אונדזער יום־טובדיקער רו —
דעם ריח פֿון אַ שעה, וואָס איז
שוין לאַנג אין אונדז אַליין ניטאָ.

קלאַנגען

איך ליג אונטער קלאַנגען
פֿון אַ באַך־סויִטע,
ווי אונטער אַ ווייכער קאָלדרע,
אין אַ ווינטער־פֿאַרטאָג
און ריר ניט
מיט קיין אבר,
פֿאַר מורא,
די גלעזערנע לופֿט
זאָל ניט צעבראָכן ווערן
אויף שערבלעך.

דיכטערין

זי ווײַלט בײַ די שוועלן פֿון מאָנאַסטיר,
אויפֿן העכסטן באַרג — אַ שריט פֿון אין־סוף.
אָוונטצײַט קומט דער באַשעפֿער צו איר
כאַפּן אַ שמועס פֿאַרן שלאָף.

ער ווײַזט איר דעם וואָלקן
וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט,
דעם ווינט,
וואָס הענגט אויפֿן זוים פֿון דער נאַכט
און דאָס שרעקלעכע וואָרט
וואָס ער האָט געזאָגט,
איידער דער ערשטער טאָג האָט געטאָגט.

ער עפֿנט איר יעדע פֿאַרבאָרגענע טיר
צו קלאַנג און קאָליר,
און האָרכט אירע שיינע, זינדיקע רייד,
וואָס גאַרן נאָך אייביקייט.

און זי, די פּאָעטין,
ווערט געטין;
און ער, דער בעל־רחמים,
פֿאַרגיט איר
און ווערט איר געליבטער.

די זאַכן אין שטוב

די זאַכן אין שטוב זענען טרויעריק,
ווי הינט ביַי פֿרעמדע בעלי־בתּים —
הינט פֿאַרבענקטע נאָך טויערן
פֿון וויַטע, דאָרפֿישע כאַטעס.

די זאַכן אין שטוב זענען פֿרעמד נאָך
און פֿאָרכטן זיך פֿאַר מיַינע פֿינגער
און קוקן מיט אַנגסט אויף די ווענט נאָך,
ווי אין געזיכט פֿון באַצווינגער.

ריר איך זיי אָן ביַים פֿאַרביַיגיין,
יאָגט דורכן גוף זיי אַ ציטער,
ווי ס׳ציטערן אין פֿרילינג די צוויַיגן,
וואָס פֿילן אין דער לופֿט אַ געוויטער.

זיי זענען — ווי פֿרויען — מקנא
די ערשטע געליבטע ביַי מענער
און מוזן זיי אייביק דערמאָנען
וואָס זיי האָבן אַוועקגעשענקט יענער...

אומגליקלעכע ליבע

דו האָסט געשפּילט אַ ליבע
מיט דער ליימענער ליאַלקע.
באַשעפֿער —
און זי געקושט אויף די ליפּן,
כּדי זי זאָל אָנהויבן צאַפּלען,
לעבעדיק,
ווי אין דײַן הייליקן חלום.

נאָר טיף אין דער ערד
האָבן געגליוועט פֿאַר קינאה
שטראָמען פֿון שטאָל
און געשוווירן נקמה.

אַן אומגליקלעכע ליבע,
באַשעפֿער!

ספקות

מײַן טאָכטער לערנט „בראשית“.

נעכטן ערשט,
האָט זי געמיינט
אַז איך בין אָדם־הראשון
און איצט,
ווי שפּאַלטן אין גלאָז,
יאָגן איר ספֿקות
דורכן מוח.

ווײַסער פּלאַנעט

איינזאַמקייט,
ווײַסער פּלאַנעט
אויף חרובע מילעך־וועגן,
צעאַקער דעם הימל
ביז צו דער ליידיקייט
וואָס קריגער חלומען
אין גרעסטער סכּנה!

גורל פון מעטאַל

גורל פֿון מעטאַל:
דרימלען,
פֿאַרזיגלט אין אַרץ,
אַן אייביקייט —
און דאַן,
ווען אויסגעלייזט שוין,
באַשאָנקען
מיט גרוי־בלויען גלאַנץ,
זיך לעשן דעם דאָרשט
אין לעבעדיק בלוט
און ווידער פֿאַרזינקען
אין חושך,
אויף אייביק.

סערענאַדע

בײַ אַ הימל־פֿענצטער
וויל איך שפּילן אַ סערענאַדע
דעם באַשעפֿער
און זײַן סענטימענטאַל,
ווי אין נײַנצעטן יאָרהונדערט.

אפֿשר וועט ער פֿאַרשטיין דעם שפּאַס
און טאָן אַ שמייכל
און מיר אַראָפּוואַרפֿן אַ האַלבן שטערן,
אַ פֿאַרלאָשענעם
צוריק מיט דרײַ מאָל הונדערט טויזנט יאָר.

אַ שאָד,
דער הימל איז פֿאַרהאַקט
מיט טונקל־בלויע לאָדנס
און די לבנה הענגט
ווי אַ שפּאָגל־נײַער שלאָס,
אָדער ווי אַן אוירינגל
אין אויער פֿון אַ גאַסנמויד.

מלחמה

אוראײניקלעך מײַנע
האָבן געפֿילט דעם פּחד
פֿון
קיין מאָל ניט מער געבוירן ווערן.

ערב־חורבנדיקע ספֿקות
האָבן צעריסן די לופֿט
און אַנטפּלעקט
אַ קאַלטע אומענדלעכקייט —
ווו אַלע וועגן
באַגעגענען זיך
צום לעצטן מאָל.

אינהאַלט

פון וואָרט צו שפּראַך

איינזאַמע אותיות 8
די וויזערס 9
דער וואָלקן 10
ווערטער באַהעפטן זיך שווער 11
אויפן וועג פון וואָרט צום ליד 12
גרענעץ 13
באַשעפער 14
בגמטריה 15
צום וואָרט 16

אומרו

אַ שאָד 19
שמשון 20
דאַנק 21
ביי דער שוועל פון חלום 22
קומען יונגע מיידלעך 23
יעדן אָוונט 25
פאָטאָגראַפיעס 26
ביים ים 27
דער פישער 28
האַרבסט 30
איידלווייס 31
אומעט 32
איז דיר אומעטיק 33
אַלע מיינע שעהען 34
אומרו 35
היים 36
שניט 37
ווייט ווי אַ שטערן פון צווייטן 38
די גאָלדענע פּאַווע 39
דאָס לעצטע הויז 41

געלעכטער פון קליינע גלעקלעך

דער רויטער מלאך 45
ביים אַריינגאַנג אין שטאָט 46
געלעכטער פון קליינע גלעקלעך 47
דער זייגער־מאַכער 49
איינזאַמקייט 50
פּאַרטאָג 51
די קליידער 52
קלאַנגען 53
דיכטערין 54
די זאַכן אין שטוב 55
אומגליקלעכע ליבע 56
ספקות 57
ווייסער פּלאַנעט 58
גורל פון מעטאַל 59
סערענאַדע 60
מלחמה 61